# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**5:40**
מוצאי שב"ק.....................**7:08**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................רות ב'-ג'
בבלי.........................חולין ק"ב
ירושלמי.................תרומות ג'
תוספתא..............דמאי פרק ז'
רמב"ם......................מעילה ב'

*פרשת פקודי, ב' אדר ב', שנת תשע"ט לפ"ק* — *שנה 8, גליון 26 (386)*


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה.** זָאגְט רַשִׁ"י אַז דִי בְּרֶעטֶער פוּן מִשְׁכָּן זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער אַז קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל בְּלוֹיז צוּלֵייגְן זַיינֶע הֶענְט, אוּן דִי מִשְׁכָּן וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק, **הוּקַם הַמִּשְׁכָּן** - דִי מִשְׁכָּן הָאט זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אַז בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר דִינְט אֱמֶת'דִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אִיז בֶּאֱמֶת נָאר אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִים, דֶער עִיקָר וָואס מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זַיין רָצוֹן אַז עֶר זָאל וֶועלְן זַיין וואוֹיל אַז עֶר זָאל וֶועלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם אֱמֶת'ן רָצוֹן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט טַאקֶע זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כ"ז ב') אוֹיפְן פָּסוּק (אִיּוֹב מא ג) **מִי הִקְדִימַנִי וַאֲשַׁלֵּם**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט אַ מְזוּזָה אוֹיף זַיין טִיר פַאר אִיךְ הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַ הוֹיז? וֶוער הָאט גֶעלֵייגְט צִיצִית אוֹיף זַיין בֶּגֶד פַאר אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְן אַ בֶּגֶד?" דָאס מֵיינְט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נָאר הָאבְּן אַ רָצוֹן, עֶר דַארְף וֶועלְן טוּן גוּטְס, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע טוּט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אֲפִילוּ בַּיי גַשְׁמִיוּת אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר דֶער רָצוֹן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל מַצְלִיחַ זַיין בְּגַשְׁמִיוּת דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין. דֶער פָּסוּק זָאגְט **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי** "רָצוֹן", לִכְאוֹרָה וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי** "מָזוֹן"- דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן צוּ עֶסְן? נָאר דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אַ "רָצוֹן" - אַ ווִילְן, אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַ רָצוֹן וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַלֶעס וָואס עֶר ווִיל, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין רָצוֹן, דַאן הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דִי מִשְׁכָּן הָאט גֶעדַארְפְט וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דֶעם וֶועג אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל בְּלוֹיז צוּלֵייגְן זַיין הֶענְט אוּן דִי מִשְׁכָּן זָאל זִיךְ אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דֶעם גֶעוָואלְט ווַייזְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז גָארְנִישְׁט קֶען מֶען נִישְׁט אַלֵיין טוּן, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף נָאר צוּלֵייגְן אַ הַאנְט צוּ ווַייזְן אַז מֶען הָאט אַ רָצוֹן אוּן דַאן הֶעלְפְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פ' ויק"פ תשס"ז לפ"ק)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### זוֹיבֶּער אוּן רֵיין

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִין אוּמַאן, אוּן מִיט אִים אִיז מִיטְגֶעפָארְן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער. וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי רֶענְצְלֶעךְ אִין אַכְסַנְיָה, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּלוֹיפְן צוּם צִיוּן.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאמֶערְקְט אַז ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער'ס רֶעקְל אִיז צֶערִיסְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט "גֵיי קוֹדֶם אוּן נֵיי צוּ דַיין רֶעקְל, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּם צִיוּן", רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אָבֶּער זֵייעֶר גֶעוָואלְט זַיין צוּזַאמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן בַּיים צִיוּן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּזֶען זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וִוי אַזוֹי עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים צִיוּן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בַּאלְד צוּנֵייעֶן דֶעם רֶעקְל, נָאכְדֶעם וָואס מְ'וֶועט צוּרִיק קוּמֶען פוּן צִיוּן. רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע צוּ לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט זֶען וִוי דוּ לֶערְנְסְט וֶועט זִי דִיר שֶׁעצְן אוּן דִיר מְכַבֵּד זַיין. אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל. דוּרְכְדֶעם וֶוערְן דִי וֶוענְט אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס: "דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!".

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרַייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה"; אִין אַזַא שְׁטוּבּ וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין זַיין וַוייבּ'ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוּישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פְּקוּדֵי תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן, זָאל אִיךְ אִיר אִיבֶּערְלָאזְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער קע"ה, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרֶע וַוייבּ. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הֶערְט זִי נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג. וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן דִי אַרְבֶּעט, אַנְשְׁטָאט צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ דַארְף אַבִּיסְל מְנוּחָה נָאךְ אַ טָאג שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, הֶערְט זִי נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאל אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט, אוּן עֶר זָאגְט אַז זִי הָאט "בָּארְדֶערְלֵיין דִיסָארְדֶער", אוּן סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין רְפוּאָה פַאר דֶעם. זָאל אִיךְ אִיר אִיבֶּערְלָאזְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ"ב אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע!

אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מֵיינְט דָאס אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְוְון?! אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר אוּן אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז זִי אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט נָאכְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג - זִינְגְסְטוּ אַ נִיגוּן אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְוְון?!

עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג אַרְבֶּעט אוּן דוּ ווִילְסְט זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן; קֶען מֶען דָאךְ טוּן בֵּיידֶע, קוֹדֶם הֶעלְפְט מֶען דִי וַוייבּ מִיטְ'ן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, קוֹדֶם דִי קְלֵיינֶע אוּן נָאכְדֶעם דִי עֶלְטֶערֶע, אוּן שְׁפֶּעטֶער בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט פַאר אַבִּיסְל מְנוּחָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן דוּ זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּט אוֹיג; הֶער אוֹיף צוּ חַזֶרְ'ן אַז זִי הָאט מֶענְטַל דִיסָארְדֶערְס וְכוּ'. ווִי מֶער דוּ וֶועסְט זִינְגֶען אוּן זָאגְן דִי נָאמֶען פוּן דִי מַחֲלָה וָואס דֶער טֶערֶעפִּיסְט זָאגְט אַז זִי לַיידְט דֶערוֹיף וֶועסְטוּ אִיר וֵויי טוּן, בִּיז זִי וֶועט טַאקֶע כַאפְּן אַ נֶערְוְון צוּזַאמְבְּרָאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. עֶנְדֶערְשׁ זִינְג אִיר אַ נִיגוּן אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט, זָאג אִיר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז פְרוֹי שְׁרֵייט, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ - וֶוען מֶען אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - קֶען זִיךְ פַארְלִירְן; אַנְשְׁטָאט זוּכְן אִין אִיר חֶסְרוֹנוֹת זוּךְ אִין אִיר מַעֲלוֹת וֶועסְטוּ זֶען ווִי שֵׁיין זִי וֶועט רֶעדְן צוּ דִיר.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ דוּ דְרֵייסְט זִיךְ, וֶוער דַיין רֶבִּי אִיז אוּן וָואס פַאר אַ חָסִיד דוּ בִּיסְט, אָבֶּער אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד בִּיסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן זָארְגְן פַאר אִיר. אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "לְכַבֵּד וּלְיַיקֵר אֶת אִשְׁתּוֹ", אַז מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", פְרוֹיעֶן גֵיין אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן מִיט דִי קִינְדֶער. זֵיי לַיידְן אַסַאךְ צַעַר אוּן הָאבְּן גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִּידּוּל", דִי טֶעג וָואס זֵיי וַוארְטְן וְכוּ' אוּן דִי צַעַר פוּן גֶעבוֹירְן אוּן פוּן אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֶצֶם מַכְאוֹבָם

<<<<<<

>>>>>>

זֵייעֶר מָאדְנֶע, אוֹיבּ פָארְט מֶען צוּ אַ רֶבִּי, דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּיְ'ן, אוּן אוֹיבּ פָאלְגְט מֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּיְ'ן, פַארְוָואס פָארְט מֶען צוּ אִים? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מְ'זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין צֶערִיסֶענֶע אוּן שְׁמוּצִיגֶע קְלֵיידֶער, אוֹיבּ ווִילְסְטוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּיְ'ן, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם צוּרִיקְגֵיין אוּן צוּנֵייעֶן דֶעם רֶעקְל, אוּן נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּיְ'ן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"ז) אַז דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען אַ שְׁמִירָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֵיידֶער אַז זֵיי זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין זוֹיבֶּער אוּן גַאנְץ, נִישְׁט צֶערִיסְן אָדֶער שְׁמוּצִיג, וַוייל דִי קְלֵיידֶער אַלֵיין וֶועלְן פָארְהַאלְטְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר גֶעבְּט זִיךְ נִישְׁט אָפּ מִיט זֵיי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּיְ'ן, דִי צַדֶיקֶת אָדְל, אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס נָאךְ צְדָקָה, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁוֶועֶרֶע גָאס רֶעגְן, דִי גַאנְצֶע וֶועג אִיז גֶעוָוארְן אֵיין שְׁטִיק בְּלָאטֶע, אוּן יֶעדְנְ'ס קְלֵיידֶער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁמוּצִיג, אָבֶּער דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶערְ'ס קְלֵייד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינְגַאנְצְן זוֹיבֶּער אָן קַיין שׁוּם פְלֶעק. דִי חַבֶרְ'טֶעס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט ווִי אַזוֹי זִי הָאט דָאס גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, הָאט זִי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס הָאט מִיר מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען מְ'גֵייט אִין בְּלָאטֶע, זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג"...

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ, חֵלֶק י"ב, עֶרֶךְ בְּגָדִים)

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי

דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי צְוַואנְגְס לַאגֶערְן בַּיי דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים ימ"ש, אִיז עֶר גֶעוֶוען דָארְט מִיט אַ גְרוּפֶּע פוּן הוּנְדֶערְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעצְוְוינְגֶען גֶעוָוארְן צוּ אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶע וַואנְט פוּן צִיגְל, דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט, מְ'הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלֶעפְּן דִי צִיגְל, מִישְׁן דִי צֶעמֶענְט, אוּן אַרְבֶּעטְן דִי גַאנְצֶע צַייט אָן אוֹיפְהֶער, אוֹיבּ דִי רְשָׁעִים הָאבְּן בַּאמֶערְקְט ווִי אֵיינֶער רוּעֶט זִיךְ אָפּ אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט, הָאבְּן זֵיי אִים גְלַייךְ גֶעשָׁאסְן צוּם טוֹיט אוֹיפְ'ן פְלַאץ רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אֵיין טָאג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע גָאס רֶעגְן, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ צִיפֶּעדִיגֶע קֶעלְט אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהַאט בְּלוֹיז אַ דִינֶעם הֶעמְדְל. דִי רְשָׁעִים הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן קַיין שׁוּם תֵּירוּצִים, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן מִיט רְצִיחָה אַז וֶוער סְ'וֶועט אוֹיפְהֶערְן אַרְבֶּעטְן פַאר אֵיין מִינוּט וֶועט גֶעשָׁאסְן וֶוערְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. יֶעדֶער הָאט גֶעמוּזְט בּוֹיעֶן דֶעם וַואנְט ווִי גֶעוֶוענְלִיךְ, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעוֵוייקְט אוּן פַארְפְרוֹירְן אוּן קוּים גֶעקֶענְט אַרְבֶּעטְן, אוּן בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט בּוֹיעֶן דֶעמָאלְט וַוייל דִי צֶעמֶענְט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט הַאלְטְן אִין פְלַאץ צוּלִיבּ דִי שְׁוֶועֶרֶע רֶעגְנְס, אוּן לֵיידֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אִידְן וֶועלְכֶע הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, פִילֶע זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דָארְט.

דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זַ"ל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט בַּיים וַואנְט אוּן גֶעלֵייגְט צִיגְל מִיט גְרוֹיס שְׁוֶועריקֵייט, אוּן נֶעבְּן אִים אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ אַ אִיד, לֵיידֶער אַ פְרֵייעֶר אִיד, וָואס הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט צוּ פַאלְן פוּן דִי שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט. אַזוֹי אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט רוּפְט זִיךְ דֶער פְרֵייעֶר אִיד אָן צוּם קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זַ"ל: "נוּ, רֶבִּי, מָארְגְן וֶועט אִיר נָאכְאַלְץ מַאכְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'? אִיר ווִילְט נָאכְאַלְץ זַיין אַ אִיד נָאכְדֶעם וָואס מִיר וֶוערְן דָא אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט?"... הָאט אִים דֶער קְלוֹיזְנְבּוּרְגֶער רָב זַ"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַדְרַבָּה, יֶעצְט וֶועל אִיךְ מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט נָאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן כַּוָּונָה. יֶעצְט וֶוען אִיךְ זֶע צוּ וָואס אַ גּוֹי אִיז מְסוּגָל, אַז זֵיי קֶענֶען אַזוֹי אוֹיסְפַּיינִיגְן דִי אִידְן מִיט אַזַא רִשְׁעוּת, פְרֵיי אִיךְ זִיךְ נָאךְ מֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי!"...

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כ"ב.) אַז מְ'טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַחֵד זַיין מִיט אַ גּוֹי אִין אֵיין שְׁטוּבּ, וַוייל זֵיי זֶענֶען חָשׁוּד אוֹיף שְׁפִיכַת דָמִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סִפְרֵי, בְּהַעֲלוֹתְךָ ט', י') "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, הֲלָכָה הִיא בְּיָדוּעַ שֶׁעֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב", אַ גּוֹי הָאט פַיינְט אַ אִיד אוּן ווִיל אִים נָאר הַרְגְ'עֶנֶען.

מִיט דֶעם אַלֵיין, אַז מְ'אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַלְס אִיד, קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר פְרֵייעֶן. ווִיפִיל דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר צֶעבְּרֶעכְן אַ אִיד אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז אָבֶּער נָאכְאַלְץ דָא אֵיין זַאךְ מִיט וָואס אַ אִיד קֶען זִיךְ אַלֶעמָאל מְחַיֶה זַיין, דָאס אִיז אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, דָאס קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י').

**דָאס הָאט מִיר מַיין טַאטֶע אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז אֲפִילוּ וֶוען מְ'גֵייט אִין בְּלָאטֶע, זָאל מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג...**

פַארְוָואס מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע וֶועג - 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי, מְ'וָואלְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט מַאכְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁעָשַׂנִי יְהוּדִי', צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'אִיז יָא אַ אִיד. נָאר וֶוען מְ'וָואלְט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה אַזוֹי, וָואלְט דֶער יֵצֶר הָרַע גֶעקֶענְט קוּמֶען אוּן צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיסְט דֶען אַ אִיד? דָאס הֵייסְט אַ אִיד? אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ אִיד?", דֶערִיבֶּער דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מְ'אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מְ'קֶען נִישְׁט אָפְּפְרֶעגְן.

לָאמִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק י"ב, עֶרֶךְ גּוֹיִם)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הוֹיבְּט אָן בַּאקַאנְט צוּ וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.**

## שְׁנַת תקנ"א

### קכא

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, נֶעבְּן דֶעם דָארְף אוֹסְיַאטִין וואוּ זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעווֹאוֹינְט, אוּן זַיין הֵיילִיג נָאמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶועוְן אַבִּיסְל בַּאקַאנְט פַאר דִי אִידְן אִין דִי אוּמְגֶעגְנְט, הָאבְּן זִיךְ דַאן צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן דִי אַרוּמִיגֶע דֶערְפֶער צוּ גֶעבְּן מַעֲמָדוֹת פַארְ'ן רֶבִּי'ן, מְ'הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן אַ רֶענְדְל יֶעדֶע וָואךְ.

אַזוֹי אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן זֵייעֶר רוּאִיג דָארְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דָארְט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ פִילֶע אִידְן, יֶעדְן טָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ פְרִישֶׁע מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אוּמְגֶעגְנְט, בִּיז מְ'הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן צוּ אִים אוֹיךְ פוּן וַוייטֶערֶע פְלֶעצֶער, פוּן בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג פַּרְסָאוֹת וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

וֶוער עֶס אִיז נָאר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעפִילְט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגְן פַארְנֶעם.

### קכב

אִין יֶענֶעם יָאר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיים רֶבִּי'ן דִי דְרִיטֶע טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן מִרְיָם, [טֵייל זָאגְן אַז דֶער נָאמֶען הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן נָאךְ זַיין שְׁוִויגֶער].

## שְׁנַת תקנ"ב

### קכג

אִין יָאר תקנ"ב אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶועוְן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן וואוֹינֶענְדִיג דַאן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע פְלֶעגְט עֶר כְּסֵדֶר אַלְץ אַרוֹיסְגֵיין אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער אַרוּם דִי שְׁטָאט, זִיךְ דָארְטְן מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### קכד

אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי הוּנְדֶערְט אוּן צֶען קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז גֶעוֶועוְן דִי שְׁטָאט דַאשִׁיב. דָארְט הָאט גֶעווֹאוֹינְט אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען ר' יוּדְל זַ"ל, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועוְן אַ תַּלְמִיד מוּבְהָק פוּן הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זַ"ל, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועוְן אַן אֵיידֶעם בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק ר' לֵייבּ פוּן טְרַאסְטִינִיעֶץ זַ"ל.

דֶער ר' לֵייבּ זַ"ל אִיז גֶעוֶועוְן פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועוְן זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן יַם זַייעֶנְדִיג אוֹיף אַ שִׁיף אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "וֶוען מַיין אֵיידֶעם ר' יוּדְל וָואלְט דָא גֶעוֶועוְן מִיט מִיר, וָואלְט עֶר נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט אִיךְ זָאל דָא נִפְטָר וֶוערְן".

אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף, אִיז גֶעוֶועוְן אַ גְרוֹיסֶע חַיָה וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ פוּן וַואסֶער אוּן אִיז גֶעקוּמֶען קֶעגְן דֶעם שִׁיף, דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אָדֶער שֶׁעדִיגְן דִי שִׁיף, אוּן דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק ר' לֵייבּ זַ"ל זִיךְ אָנְגֶעטוֹן זַיין טַלִית וּתְפִלִין אוּן אִיז אַזוֹי קֶעגְן גֶעגַאנְגֶען דִי חַיָה אוֹיפְ'ן דֶעק פוּן שִׁיף, אוּן דִי חַיָה אִיז גְלַייךְ אַנְטְלָאפְן צוּרִיק אַרַיין אִין וַואסֶער אוּן אִיז פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן.

גְלַייךְ פַאר זַיין פְּטִירָה הָאט עֶר בַּאפוֹילְן אַז וֶוען עֶר וֶועט נִסְתַּלֵק וֶוערְן זָאל מֶען אִים לֵייגְן אוֹיף אַ בְּרֶעט אוֹיפְ'ן וַואסֶער, אוּן אִים לָאזְן דָארְט אַלֵיין שְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן יַם. אוּן אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן.

דִי בְּרֶעט אִיז אַזוֹי גֶעשְׁוִוימֶען אוֹיפְ'ן יַם בִּיז צוּם בְּרֶעג צוּ אַ גֶעווִיסֶע שְׁטָאט, אוּן דָארְט אִיז זַיין הֵיילִיגֶער גוּף אַרוּמְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, אוּן אַלֶע אַיינְווֹאוֹינֶער פוּן שְׁטָאט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִים אוֹיפְנֶעמֶען.

אִין יֶענֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוֶועוְן מִיט יָארְן פְרִיעֶר אַ חָכָם וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין זַיין צַוָאָה אַז מְ'זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן נֶעבְּן אִים, נָאר וֶוען סְ'וֶועט קוּמֶען אַ חָכָם פוּן פּוֹלִין אוּן סְ'וֶועט זַיין אוֹיף אִים אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, דֶעמָאלְט זָאל מֶען יֶענֶעם לֵייגְן נֶעבְּן אִים.

דֶערִיבֶּער וֶוען דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן נִפְטָר וָואס שְׁטֵייט אִיבֶּער אִים אַ פֵייעֶרְדִיגֶע זוֹיל, הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע לְוַיָה, אוּן מְ'הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט נֶעבְּן דֶעם חָכָם.

### קכה

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מְקַרֵב זַיין זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועוְן אַז כִּמְעַט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל זַיין אֵיידֶעם דֶער צַדִיק רֶבִּי יוּדְל זַ"ל.

אִין יֶענֶעם חָלוֹם הָאט עֶר אוֹיךְ מְגַלֶה גֶעוֶועוְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַ גֶעוַואלְדִיגֶער סוֹד, וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן צ"ו, דִיבּוּר הַמַתְחִיל "דַע כִּי יֵשׁ קַבָּלָה בְּיָדֵי"), וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז עֶר הָאט מְקוּבָּל אַז וֶוען סְ'אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיף אַ צַדִיק, מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז סְ'זָאל אַרַיינְקוּמֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה, עֶפֶּעס עֶנְלִיךְ צוּ דִי מַחְלוֹקֶת, צוּ אַ צְוֵוייטְן צַדִיק אִין מֹחַ, אוּן וַוייל דֶער צְוֵוייטֶער צַדִיק וִויל מַעְלֶה זַיין דִי מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר אִיז עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט מַעְלָה, אָבֶּער מִיט דֶעם כֹּחַ הָרָצוֹן וָואס עֶר וִויל עֶס מַעְלֶה זַיין, צוּבְּרֶעכְט עֶר דִי אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת. דֶעם סוֹד הָאט דֶער רֶבִּי מְקַבֵּל גֶעוֶועוְן אִין יֶענֶעם חָלוֹם פוּן רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל.

[אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִין חָלוֹם, "רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דִי קֶרֶן פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אָבֶּער דִי

<<<<<<

>>>>>>

וְצַעֲרָם וְיִסוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", וָואס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק זֵיי לַיידְן; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן אוּן גֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז פוּפְצִיג יָאר אִין אֵיין צִי, אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער.

בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיפְהֶערְן זִינְגֶען דֶעם אַלְטְן נִיגוּן מַאכְנְדִיג אִיר שְׁפִּירְן וִוי זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אוּן דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל**
**צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ.**

---

# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רַאטֶעוֶועון מַיין שְׁוֶועסְטֶער?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה וֶועגְן מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אַ 15 יֶערִיג מֵיידְל פוּן אַ חַסִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, וָואס גְלִיטְשְׁט יֶעדְן טָאג מֶער אוּן מֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט. זִי הָאט אַ סְמַארְטְפָאוּן אָן אַ פִילְטֶער אוּן זִי אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם טָאג אוּן נַאכְט. וָואלְט אִיר מִיר גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ וֶועמֶען צוּ גֵיין? צוּ וֶועלְכֶע עַסְקָנִים זִיךְ צוּ וֶוענְדְן? אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס אִיךְ קֶען טוּן אִיר צוּ רַאטֶעוֶועון?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, כ"ב אָדָר א', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועק גְלִיטְשְׁן פוּן אִידִישְׁקֵייט זָאלְסְטוּ אִיר רוּפְן צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ זִי זָאל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; אַז זִי וֶועט זֶען דַיין וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, דַיינֶע זִיסֶע קִינְדֶער אוּן דַיין שֵׁיינֶע אוֹיפְפִירוּנְג - וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דַאן וֶועט זִי מַחְלִיט זַיין אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא הַיינְט אַסַאךְ בְּנֵי הַנְעוּרִים וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער 'נִישְׁט אִיד' הָאט אַ גוּט לֶעבְּן; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דָאס קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט קוּמֶענְדִיג פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער, קִינְדֶער וֶועם מֶען טְשֶׁעפֶּעט, אָדֶער קִינְדֶער וָואס טְרֶעפְן זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין שְׁטוּבּ, אַלְס רֶעזוּלְטַאט אַנְטְלוֹיפְן זֵיי צוּם סְמַארְטְפָאוּן אוּן קוּמֶען אָן צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן הַשֵּׁם יְרַחֵם. דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען וַוייזְט זֵיי אַ וַוארֶעמֶע אִידִישֶׁע הֵיים אוּן זֵיי זֶעעֶן דָאס לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִוי עֶר רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וִוי זִיס אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִיז, דוּרְכְדֶעם ווִילְן זֵיי אַלֶע בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן עַסְקָנִים וְכוּ', גֶעדֶענְק וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ ב, כב): "חִדְלוּ לָכֶם מִן הָאָדָם אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ כִּי בַמֶּה נֶחְשָׁב הוּא"; אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אוּן זוּכְן עַסְקָנִים וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן וֶוענְדְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִין אַלֶע אִידְן אַ רוּחַ טָהֳרָה - אַ הֵיילִיגֶע גֵייסְט אוּן אַ רֵיינְקֵייט, מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועקְגֵיין דִי רוּחַ הַטוּמְאָה אוּן עֶס וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זְכַרְיָה יג, ב): "וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

BreslevCenter.com\answers


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858




>>>>>>

פֵּירוֹת הָאט עֶר גֶעלָאזְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב, זֵיי זֶענֶען גְרוֹיסֶע רַבָּנִים; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מִיטְגֶענוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוֹיךְ דִי פֵּירוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּלִיבְּן מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאל זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּ דִיר".

ווִי גֶעזָאגְט אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעוֶועזְן פוּן דִי חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶועזְן אַ שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, "אִיךְ מוּז הָאבְּן דָא מַיין תַּלְמִיד רֶבִּי לֵייבּ, וַוייל נָאר מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם וֶועל אִיךְ קֶענֶען מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה". זַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּן זַיין קְדוּשָּׁה קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, מְ'דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זי"ע, דֶער פֶּעטֶער פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעשֶׁעצְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי לֵייבּ זַ"ל גֶעשְׁלָאפְן בַּיים רֶבִּי'ן ר' בָּרוּכְ'ל זי"ע אִין דִי סוּכָּה, אוּן זַיין קוּשְׁן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן אוּן דִי פֶּעדֶערְן זֶענֶען זִיךְ צֶעפְלוֹיגְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע סוּכָּה. מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל וֶועט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף אִים, אָבֶּער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל הָאט גֶעזָאגְט, "דִי פֶּעדֶערְן פוּנֶעם קוּשְׁן אוֹיף וָואס רֶבִּי לֵייבּ אִיז גֶעשְׁלָאפְן, זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר בַּיי מִיר, דָאס זֶענֶען מַיינֶע נוֹי סוּכָּה". אַזוֹי וַוייט הָאט עֶר אִים מַחְשִׁיב גֶעוֶועזְן אוּן אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט.

קכו

דֶער צַדִּיק ר' יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זַ"ל הָאט גֶעהַאט דָארְט אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב אַ חֲבוּרָה פוּן זֵייעֶר חָשׁוּבֶע תַּלְמִידִים עוֹבְדֵי ה', אוּן צְוִוישְׁן זֵיי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטַארְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק זַ"ל, וָואס אִיז גֶעוֶועזְן מַמָּשׁ אַ פְלַאם פֵייעֶר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט דַאוֶונֶען מִיט גָאר אַ בְּרֶענֶענְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע פוּן דִי חֲבוּרָה זֶענֶען גֶעוֶועזְן גָאר גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי ה' אוּן גְרוֹיסֶע מַתְמִידִים אִין תּוֹרָה. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִינְאֵיינֶעם צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס בְּרֶען.

קכז

דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעפִירְט אַז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן, ר' בֶּער זַ"ל, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט, הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן קֶעסְט בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטָאט דַאשִׁיב. אוּן אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַן עוֹבֵד ה', הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה פוּן ר' יוּדְל זַ"ל דָארְט אִין שְׁטָאט.

וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט צוּרִיק קֶערְן מִיט זַיין וַוייבּ צוּ זַיין טַאטֶע אִינֶעם דָארְף נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן ר' יוּדְל זַ"ל, אוּן דַאן הָאט ר' יוּדְל זַ"ל אִים זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט אוּן גֶעזָאגְט, "אַזוֹי ווִי דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּרִיק צוּ דַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט נֶעבְּן מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ נַייעֶר יוּנְגֶער רֶבִּי, ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר וָוארֶענֶען, פַאר דַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אַז דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אִים", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר אִים זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט אוּן גֶעוָוארְנְט אַז עֶר זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן צוּם רֶבִּי'ן. אוּן ר' בֶּער זַ"ל הָאט אִים טַאקֶע צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פָאלְגְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"


## ישיבה "תפארת התורה" ברסלב

**צוליב דעם גרויסן פארלאנג וואס מיר האבן געהאט די פארגאנגענע יארן אז די בחורים פון ישיבה זאלן ארויף קומען משמח זיין בעצם יום הפורים, דערפאר ווילן מיר דאס יאר נישט ארויף גיין צו קיינעם, נאר מיט א פאראויס באשטימטע אפוינטמענט.**

**אויב ווילט איר אז די בחורים זאלן ארויף קומען צו אייך צו משמח זיין בעצם יום הפורים, ביטע רופן ווי פריער צו באשטימען א צייט.**

**צייט איז באגרעניצט, רופט שוין**

**917-530-2556**

**וכל הקודם זכה**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **נחמן נתן בוים** נ"י
בן מו"ה **עזרא** הי"ו
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## שיינע שידוכים פון צוויי תלמידי הישיבה

די וואך זונטאג איז למזל טוב געשלאסן געווארן א פרישע שידוך צווישן צוויי חשובע מחותנים מאנשי שלומינו, ווען הב' נחמן נתן בוים נ"י, א זון מו"ה עזרא הי"ו פון בארא פארק, איז א חתן געווארן צו די טאכטער פון מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו.

דער חתן האט פלייסיג געלערנט אין ישיבה, ער האט אויסגענוצט די צייט און געענדיגט מסכת נאך מסכת, און געהאט שיעורים אין אלע חלקים פון די תורה. אזוי אויך העלפט ער זייער אסאך ארויס אינעם בית הדפוס צו דרוקן און פארשפרייטן צענדליגע טויזנטער ספרים, וואס זענען מחזק און מעודד אידן איבער די גאנצע וועלט.

דער מחותן מצד החתן מו"ה עזרא הי"ו איז א זון פון מוה"ר דניאל שליט"א פון די חשובע תלמידים פון מוהרא"ש שוין צענדליגע יארן, וואס איז עוסק אין פארשפרייטן דעם רבינ'ס אור און דערמיט דערנענטערן אידן צום אייבערשטן שוין אסאך יארן.

דעם מיטוואך נאכמיטאג איז למזל טוב געשלאסן געווארן נאך א שידוך, ווען הב' אברהם יצחק אייזנער נ"י בן מו"ה נתנאל הי"ו פון קרית טאהש קאנאדע, איז א חתן געווארן צו די טאכטער פון מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו.

דער חתן איז א תלמיד הישיבה די לעצטע פאר יאר, וואו ער האט פלייסיג געלערנט און געענדיגט פילע חלקים פון די תורה, אין די פרייע צייט איז ער אלץ גרייט צוצולייגן א האנט און צו העלפן די הייליגע ישיבה, ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט נאר געטון מיט גרויס חשק אלעס וואס ער קען צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן.

דער מחותן מצד הכלה, מו"ה מאיר דוד הי"ו, איז ברייט באקאנט מיט זיינע פעולות צו פארשפרייטן דעם רבינ'ס לעכטיגע עצות אויף די גאנצע וועלט אויף פארשידענע אופנים, אזוי אויך מיט זיין מסירות נפש צו העלפן דרוקן און פארשפרייטן די ספרים פון הייליגן רבי'ן ותלמידיו אויף די וועלט, ספעציעל די הערליכע ספרים **"אוצר יומי"** וואס ער האט געדרוקט, מיט וואס יעדער איד קען זוכה זיין דורכצולערנען כל התורה כולה, און נאך פילע ספרים.

ביידע חתנים האבן זוכה געווען צו פארן קיין יבנאל, צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע, און דארט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים ברציפות, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט, און געהייסן דאס ארויפקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין קבר און דארט אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ברציפות, וועט ער זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך גרינג און שנעל. ווי אויך סיי ווער ס'וועט קומען צו זיין קבר און דארט מתפלל זיין, וועט ער טון אלעס וואס ער קען צו ברענגען א ישועה פאר דעם מענטש, ער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף.

אויך האבן ביידע חתנים געענדיגט מסכת תענית דעם זומער אין קעמפ יעדן טאג פאר פערציג טעג אין א צו, פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן לערנען 40 מאל מסכת תענית, און דורך דעם וועלן זיי טרעפן זייער שידוך.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז זיי זאלן אויפשטעלן אן ערליכן אידישן הויז, א בית נאמן בישראל.

**עוד ישמע בערי יהודה!**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
החתן **אברהם יצחק אייזנער** נ"י
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **מאיר דוד פארקאש** הי"ו
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **חיים יוסף ראזענבערג** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג
דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**